**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/9/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול האט פארגעשלאגן א געזעץ וואס וועט פארטיידיגן דאס פארקויפן אומלעגאלע קאנאביס מיט א פארבעסערטע אינפארסירונג**

***סטעיט פון די סטעיט בראודענס אויטאריטעט פון די אפיס פון קאנאביס מענעדזשמענט און לאקאלע רעגירונגס אגענטורן צו פארשליסן געשעפטן וועלכע פארקויפן קאנאביס אן א לייסענס***

***די שריט פון פארשליסן די אומלעגאלע מארקעט אקטיוויטעטן וועט אונטערשטיצן ניו יארק'ס וואקסענדע, לעגאלע קאנאביס מארקעט***

***פארשידענע מיטלען וועלן פארברייטערט ווערן נאך גאווערנאר האקולס אונטערשרייבן די 2024 בודזשעט***

גאווערנאר האקול האט היינט פארגעשטעלט א סעריע שריט צוצושטעלן ברייטערע אינפארסירונג מאכטן צו פארטיידיגן דאס אומלעגאלע פארקויף פון קאנאביס אלס א טייל פון איר 2024 סטעיט אוו די סטעיט אדרעס. די מיה וועט זיין אוועקגעשטעלט צו אפשליסן די אומלעגאלע קאנאביס ביזנעסער וואס האבן אומ'אחריות'דיג פארגעזעצט צו אפערירן לענגאויס די סטעיט, שאפנ'דיג אומבאקוועליכקייטן אינערהאלב געמיינדעס און אפט פארקויפנדיג אומאויספרובירטע פראדוקטן וואס שטאמען פון אומבאקאנטע פלעצער.

"בשעת וואס מיר טוען אויפבויען און פארברייטערן דאס מערסטע ווערדליכע און לעגאלע קאנאביס מארקעט אין די לאנד, קענען מיר אבער בשום אופן נישט לאזן די אומ'אחריות'דיגע, אומלעגאלע אפערירער אונטערברענגן די געזונטהייט פון די פובליק און שטעלן אין געפאר אונזערע וואוינערטער," **האט גאווערנאר האקול געזאגט**. "פאריאר, האבן מיר דורכגעפירט נייע געזעצן צו אפשפארן און פארשליסן די אומלעגאלע אפערירער, אבער מיר ווייסן אז עס פארלאנגט זיך פיל מער און מיר דארפן מער געצייג דערפאר. מיר וועלן פארזעצן צו ארבעטן אינאיינעם מיט לאקאלע פירער, אריינגערעכנט ניו יארק סיטי, צו אפשפארן די אומלעגאלע קאנאביס פארקויפער איינמאל פאר אלעמאל."

גאווערנאר האקול'ס פארשלאג וועט פארשטערקערן די אינפארסירונג אויטאריטעט צו פארשנעלערן דאס אפשפארן פון די אומלייסענדע ביזנעסער און ענדיגן די אומלעגאלע אקטיוויטעטן. מיטלען וועט אריינרעכענען דאס פארברייטערן די מאכט פון די אפיס פון קאנאביס מענעדזשמענט (Office of Cannabis Management, OCM) צו פארשנעלערן דאס אפשליסונגען פון אומלעגאלע געשעפטן,אויטאריזירן לאקאלע רעגירונגען צו דורכפירן OCM פעדלאק ארדערס צו פארזיכערן די שנעלע רעאקציע צו פארשפארן די אומלעגאלע פארקויפער, און אוועקצושטעלן לאקאלע רעגיסטראציעס פון לייסענד קאנאביס ביזנעסער צו העלפן און פארשטערקערן די מאכט פון לאקאלע רעגירונגען, אריינגערעכנט ניו יארק סיטי, צו אפשפארן אומלייסענדע ביזנעסער דורך זייער אייגענע געזעצן און

מיטלען. די געמיינזאמע שריט וועט העלפן ניו יארק'ס וואקסנדע לעגאלע קאנאביס מארקעט, וועלכע טוט פריאטיריזירן קליינע ביזנעסער און רייכע ביזנעסלייט.

ניו יארק בויט א שטארקע נייע מארק געגרינדעט אין א סאציאלע בארעכטיגטע געדאנקענגאנג וואס וועט אריינברענגען מיליאנען דאלארן אין ריוח פאר די שטאט און די גרופעס געשעדיגט פון די היסטאריע פון קאנאביס קרימינאליזאציע. דורך נעמען שטארקע שריט קעגן אומלייסענדע קאנאביס ביזנעסער, וועט דער גאווערנער פארזעצן צו נעמען שטארקע שריט צו פארמאכן אומגעזעצליכע און אומלייסענדע קאנאביס אפעראציעס וואס לייגט אריין דעם געמיינדע אין א זיכערהייט ריזיקע, קאנסומער וואוילזיין און די ארנטליכקייט פון די שטאט'ס לעגַעל קאנאביס מארקעט.

**ניו יארק סטעיט'ס אפיס פון קאנאביס מענעדזשמענט עקזעקיוטיוו דירעקטאר קריס אלעקסאנדער האט געזאגט,** "ווען ניו יארקער וועלן אויס צו קויפן ביי א לעגאלע, ערוואקסענע-באנוץ געשעפט, ווייסן זיי פון ווי זייער פראדוקטן קומען, אז די קאַנאביס פראדוקטן זענען געווארן אויספרובירט, און אז די קליינע ביזנעסער וועלן ווייטער אינוועסטירן אין אונזערע געמיינדעס. אז מער ריטעיל לאקאציעס וועלן עפענען זייערע טירן פאר איינקויפער לענגאויס די סטעיט, מיר  דארפן זיין זייער קלאר איבער וועלכע סארט מארקעט מיר טוען אויפבויען. מיט גאווערנאר האקול'ס פארגעשלאגענע פארברייטערונגען פון אינפארסירנדע מאכטן, קענען מיר פארברייטערן אונזערע כוחות אויפצובויען א מארקעט ווי קליינע ביזנעסער וועלכע טוען אויספאלגן די געזעץ, האבן א מעגליכקייט צו קאָנקורירן. איך וויל דאנקען גאווערנער האקול פאר איר שטאנדהאפטיגע איבערגעגעבנקייט און אינוועסטירונג דאס צו טאן ריכטיג."

לאקאלע רעגירונגען זענען איצט אראפגעבינדן צו ערהאלטן א אפשליסונג ארדער פונעם סטעיט סופרים קאורט, אנקלאגן היים אייגנטומער וועלכע פארפעלן צו ארויסלייגן קאמערציאלע טענעטס וועלכע פארקויפן קאנאביס אן א לייסענס, און ארעסטירן און אנקלאגן ביזנעס אייגענטומער וועלכע פארקויפן קאנאביס אין געשעפטן אן א לייסענס, וואס איז א קלאס A מיסדעמינער. און צוגאב, לאקאלע רעגירונגען מעגן נוצן אנגייענדע אדער שאפן נייע געזעצן צו אדרעסירן דאס אומלייסענדע אומלעגאלע אקטיוויטעטן, ווי צום ביישפיל די ניו יארק סיטי נויזשענס געזעץ, די ניו יארק סיטי העלט קאוד, וועלכע ערלויבט די פעדלאקינג (אפשליסונג) פון אומערלויבטע געשעטן וועלכע פאבריצירן אדער פארקויפן קאנאביס-אנטהאלטנדע עסנווארג. די סיטי פון באפעלא האט אוועקגעשטעלט א געזעץ אין 2023 פאר א $1,500 פער טאג שטראף פארן נישט אויסלייגן א לייסענס פון די אפיס פון קאנאביס מענעדזשמענט. לאקאלע רעגירונגען מעגן אויך ארעסטירן און אנקלאגן אנדערע קאנאביס- פארבידעטע קרימינאליטעטן אונטער די פענעל געזעץ, ווי פארקויפן פאר אינגווארג, א קלאס B פעלאני.

דורכאויס 2023, האבן די OCM און דעפארטמענט אוו טעקסעישען און פיינענס ( Department of Taxation and Finance, DTF) אינספעקטירט 381 לאקאציעס, אריינגערעכנט 105 וואס זענען געווארן ווידער אינספעקטירט, וואס האט אין רעזולטאט צוריקגעהאלטן 11,800 פונט קאנפיסקירטע אומלעגאלע קאנאביס אין ווערט פון איבער $57 מיליאן דאלער. OCM און DTF אויספארשער וועלן ווייטער אינספעקטירן  יעדן איינציגן וואך לענגאויס די סטעיט אין 2024 צו אפשליסן אומלעגאלע אפערירער אין די צייט וואס א כוואליע פון לעגאלע פארקויפער עפענען אויף די טויערן פאר ביזנעס. אין צוגאב, אום דעצעמבער 20, האבן אויספארשער פון OCM, DTF, און די ניו יארק סטעיט אטוירני דזשענעראל'ס אפיס (Attorney General's Office, OAG) אפגעשפארט און פעדלאקט ביג טשיעף סמאוק שאפ, א גרויזאמע אומלעגאלע געשעפט וולכע האט אפערירט אין בעי רידזש, ברוקלין פארן אפערירן אן א לייסענס. לאקאלע געמיינדע פירערס האבן זיך אויסגעדריקט קעגן די ביג טשיעף סמאוק שאפ און די לאקאלע געמיינדע באורד האט אריבערגעפירט א געמיינזאמע באשלוס צו צומאכן אום-לייסענסד געשעפטן אין זייער געגנט. דאס איז געווען די ניינטע פעדלאקינג אויסגעפירט דורך די סטעיט זינט גאווערנאר האקול האט אונטערגעשריבן די לעגיסלאציע מיט די אורכפירונג פון די פיסקעל יאר 2024 בודזשעט.

געלט-שטראפן פאר די אומלעגאלע פארקויף פון קאנאביס הויבט זיך אן ביי $10,000 פער טאג און קען שטייגן צו $20,000 פער טאג פאר מער גרויזאמע פירונגען. נאך א קנס פון $5,000 קען געגעבן ווערן פארן אראפנעמען די צעטל פון די באפעל, און די אינספעקטירטע ביזנעסער קענען אויך באקומען נאך פארלעצונגען און שטראפן אונטער דעם שטייער געזעץ. די ענפארסמענט לעגיסלאציע וואס איז אריבער אין מאי 2023 אויטאריזיירט אויך OCM צו זוכן א סטעיט ארדער קאורט צו פעדלאקן ביזנעסער וואס האבן אפאר מאל נישט געפאלגט די געזעץ. ווי אויך, די געזעץ מאכט עס א פארברעכן צו פארקויפן קאנאביס און קאנאביס פראדוקטן אן לייסענס.

צאמצוברענגען פילע לעוועלס פון גאווערמענט צו קריגן די אומלעגאלע פארקויף פון קאנאביס, האט גאווערנאר האקול פריער געמאלדן די פארטנערשיפ צווישן OCM און די OAG דורך וועלכע מוניציפיליטאטן באקומען טרענירונג וויאזוי צו יוטילייזן א ספעציפישע פראוויזיע -- טייל 16-A -- פון די ענפארסירונג געזעץ אונטערגעשריבן דורך גאווערנאר האקול אין מאי 2023 צו באקומען פעדלאקינג ארדערס אין סטעיט קאורט. 16-A אויטאריזירט לאקאלע גאווערמענטס, אריינגערעכנט קאונטי אטורניס, מיט OCM באשטעטיגונג, צו נאכגיין פעדלאקינג ארדערס פון קאורט קעגן א נישט געלייסענסטע קאנאביס ביזנעס געטראפן צו זיין אין עגרעגיאס אויפפירונג. די אויטאריטעט טוט שטארק אגמענטן די מעגליכקייט פאר פארשידענע לעוועלס גאווערמענט צו ארבעטן צוזאמען אפצושטעלן אומלעגאלע קאנאביס אפערעיטארס.

ווי אויך צו די נייע פארטנערשיפ מיט לאקאליטיס, האט גאווערנאר האקול פריער געמאלדן נאך סטעיט אגענטורן וועלן ברענגען די וואג פון זייער ביזנעס ענפארסמענט פאוערס צו טראגן אלס טייל פון די סטעיטס קריעטיווע און אגרעסיווע גאנג צו קריגן אומלעגאלע מארקעט. די דעפארטמענט אוו לעיבאר און ארבעטער קאמפענסאציע באורד טען צוזאמען אנטיילנעמען אין די פרואוון צו פארזיכערן ביזנעסער ארקויפן קאנאביס אן לייסענס זענען אין איינקלאנג מיט די ניו יארק סטעיט לעיבאר און ארבעטער קאמפענסאציע געזעצן.

די גאנג וואס שטעלט צאם די ענפארסמענט פאוערס פון לעיבאר געזעץ, שטייער געזעץ און קאנאביס געזעץ, קען צוברענגען נישט קאמפלייענט ביזנעס אייגנטומער צו זען צענדליגער טויזנטער דאלער געלט שטראפן אלס א ריזאלט פון א איינצלנע אינספעקציע און ווייאלעישנס, פארמערט שטארק די סטעיטס מעגליכקייט אראפצוקראכן אויף די וואס פארקויפן אומלעגאל, און פארשטערקערט גאווערנער האקולס צוזאג צו פארזיכערן אז די געזעץ ווערט אויסגעפאלגט און ניו יארקער ווערן באשיצט פון אומזיכערע פראדוקטן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418